Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0001-8

Vg 3203

ULB Halle 3
003 877 85X

Hc

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0002-4

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0003-9

u

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0004-5

# AUGUSTANA CONFESSIO

in Germanicum Judæorum idioma transferri curauit ediditque

IO. HENR. CALLENBERG
Phil. Prof. Publ.

Halæ CIƆ IƆCCXXXII.

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0005-0

BIBLIOTHECA
PONICKAVIANA

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0006-6

# Lectori christiano

*S. P.*

PRofitentium christianas doctrinas hominum dissidia iniquo quidem animo cuiuis illorum cœtui ab empæctis, imperitisque promiscue exprobrantur: ortum tamen ex illis damnum nemo facile diffitebitur, qui vel eam considerauerit offensionem, quæ in omnis patefactæ religionis derisoribus, in gentilibus, in Judæis, in Muhammedanis spectatur. Non desunt, quibus hi refutari possunt: nihilominus temere agere censendus esset, qui sine graui ratione plura, quam in manibus habent illi, dissensus nostri, ac intestinæ calamitatis monumenta cum ipsis communicaret. Itaque miretur quispiam, cur Augustanam confessionem Judæis tradam, cum in ea multæ christianorum controuersiæ commemo-

rentur. Plures, quibus adductus ſum, proferre poſſem rationes; ſed pauca de his dicere locus permittit. Fœda Romanenſium ſuperſtitionum facies, cogendique fidem tyrannis dudum innotuit, horrorique fuit Judæis. Jam expedit, reſciſcere illos accurate, quam longe ab iſtis corruptelis receſſerint noſtrates. Dixerunt quidam, niſi pontificia factio chriſtianæ religionis inſtituta adeo deturpaſſet, forte ſuperioribus etiam ſæculis ſuam gentem melius de illis ſenſiſſe. Mirificus Judaicorum animorum motus, Salisburienſium ciuium, Auguſtanæ confeſſioni ſe addicentium, multitudine, conſtantia, exilio effectus, quem non ſolum ex publicis ephemeridibus, ſed priuatim quoque cognoui, ſpem facit, cupide hunc libellum a Judæis lectum iri. Nec id prætereundum, ſæpius nonnullos dilucidam diſcriminis, quod inter evangelicos ac pontificios intercedat, petiiſſe explicationem. Tandem exemplum æuo emendatæ eccleſiæ extat, quo me fateor, excitatum. Scilicet Philippus quidam GALLUS, urbis noſtræ ciuis, Hebraice reddidit præcipuam huius confeſſionis partem, eamque Wittebergæ anno CIↃIↃLXXXIIX publicauit. Memoratu digna ſunt, quæ

Ioan-

Ioannes OLEARIUS, celebris theologus, sacrorumque Halensium antistes, præfatus est. Inseram ista hoc loco: *Autor sum, ut typis euulges hanc lucubrationem, non solum ad excitanda generosæ iuuentutis studia consimilia: Verum etiam ad huius inclytæ patriæ tuæ, vel potius nostræ (cur enim non meam quoque nominem hanc, cui iam septennium ciuis, minister & alumnus inseruio? Neque tantum θρεπτήρια, quæ quiuis suo natali solo, verumetiam uberiora & honorificentiora plurima tanquam altrici adeoque matri debeo) decus, honestatem & dignitatem sempiternam. Quodnam illud decus, inquies, quæ dignitas? Primatus, inquam, & Archiepiscopatus Magdeburgici ciues & subditi cum simus: & quidem urbis & Ecclesiæ celeberrimæ membra: unde primum Augustana Confessio Græce prodiit: quæ non tantum longe lateque Europam, sed etiam Asiam & Africam peruasit, a Græcis hominibus, ut fide digni referunt, in Aegypto, Palæstina, Bulgaria, Constantinopoli quoque in aula Turcica, legatur: & vi promissionis illius de verbi cœlestis efficacia, quam Esaias inter cætera memoriæ prodidit oracula, procul dubio non paucos saluificis de Religione sententiis imbuerit. Quis sci-*

 *quæso,*

*quæso, quantum Dominus Iesus ex hoc labore tuo voluerit emolumenti constare cœtui fidelium? Auidissime Judæi lectitant, quæ scripta sunt Hebraice, latine pauci intelligunt: Germanica negligunt. Ex Euangelio Matthæi Hebraico: inprimis ex Epistola ad Hebræos, fatebatur meus Rabi Paulus Elkana Pragensis, se Christianam fidem hausisse. Papistarum abominationes, idolomanias, superstitiones Ethnicas plurimis obstare, quo minus ad nos accedant, non dubito. Videbunt his doctrinam Propheticam sine fermento traditionum humanarum sinceram, Apostolicis quoque dogmatis correspondentem. Quis de fructu & successu sancti laboris dubitet? Quis non vel unius animæ conuersionem & illuminationem, incomparabile pietatis lucrum interpretetur? Nam illa vox non pietati, sed barbaricæ profanitati congruit: qua nonnulli, Quid ad nos, inquiunt, Judæi? Quid Turci? Quid Ethnici? nostra nobis curanda: peregrinis peregrina relinquenda sunt. Sed longe nos aliter Christianæ Sympathiæ leges, longe aliter precum, Immanuelis ore dictatarum, series erudit. Sanctificationi nominis diuini, cui assidue vacare debemus, propagatio regni cœlestis ad exteros, qui nondum*

*huius*

*huius viua membra sunt facti, subiungitur: tanquam id quod summo studio post animarum nostrarum salutem debeamus eniti. Quorum labore regnum cœleste non proferetur, ab illis auferetur: quibus non propagabitur ea felicitas, iis opinione citius abrogabitur. Itaque salutaris admodum illa Viennensis Synodi constitutio, Decretis etiam inserta: qua cautum est, ut in singulis Academiis bini sint Hebrææ Arabicæque linguæ Professores: illius quidem propter Iudæos: Huius vero propter Mahometistas conuertendos. Sed ulterius progressurum, & tempus & carta deficit. Tu, mi frater, perge his studiis gnauiter insudare: nec dubita te Græce Hebrææque linguarum diligenter cultarum indies maiorem fructum percepturum. Vulgi iudicia nihil moraberis. Nunquam ita præclare cum rebus humanis agitur, ut optima plurimis probentur. Indicium pessimi turba est, inquit Seneca. Vides proculdubio Symmistas plurimos, neglecto & bonarum artium, & necessariarum linguarum, & omnis solidæ doctrinæ studio, tantum operam dare, ut vel ex Postillis editis, vel ex qualibuscunque rancidis conceptis, siue synceris siue impuris, modulata voce, plausibilique gestu ad populum de*

reli-

*religione declamitare, rudisque plebeculæ suffragium eblandiri possint. Vides hujus generis nonnullos inani persuasione turgidos, præ se doctissimos quosque in Academiis Professores & Magistros elato supercilio contemnere, laboribus & scriptis eorum, quibus pro veritate præliantur, utilissimis & necessariis, insolenter detrahere. Vides alteros spe, alteros re neutiquam laudanda, laudari tamen a multis & in oculis gestari. Non tamen istis* κερνοχυτρολη̄ραίοις *quantumuis longe lateque rerum potitis, iudicium tuum prostitues labefactandum.* Hactenus OLEARIUS. De nostra editione hoc addimus, eam auctiorem, illustratam, pluribusque argumentis instructam, recusum iri, si huius exempla, saltem a quibusdam viderimus salutariter usurpari. Dominus autem Jesus Christus, qui suæ veritati ubique victoriam tribuit, in hac quoque parte ei adesse velit! Halæ d. III. Mart. CIↃ IↃ CC XXXII.

Io. Henr. Callenberg.

# ספר עקרים

ה״ה

עקרי האמונה והתורה של עדת
המשיחיים · הנקראים בלשון לעז
איוואנגיליקי · אשר מהיתם
ואיכותם יתבאר
בהקדמה

דאש איזט טייטש

דיזא גרינדי פֿון דעם גלויבן אונ׳ פֿון דער
לערנונג פֿון דער גמיינדי דער משיחיים
(אדר נוצרים) דיזא דא נאך דעם לשון יון
גנענט ווערדן עוואנגעלישי וואו פֿון
אין דער הקדמה איינה רעכטי
ערקלערונג גגעבן ווירד :

הועתק מלשון רומי ללשון אשכנז למען
ירוץ הקורא בו

בשנת
פקודי ה׳ ישרים משמחי לב לפרט
קטן למנין הנוצרים

# הקדמה

אויב גלייך דאס איכות פון דיזם ספר ער
פארדערטי דש פיל זאכן פאר העראן
גלייגט ווערדן · וויל אבר דיזעלביגי לענגר
ווערדן מעכטן אלז דאס ביכליין זעלבסט זוא
וואלן איר זאלכט פרטמאהרן ביז צו איינר אנדרן
געלעגנהייט · אם ירצה הגוזר · אונ׳ אילונד נור
בקיצור מעלדן אונ׳ מפרט זיין וואס אויף דעם
טיטול אייזט פרטפראכן ווארדן · נעמליך וואס
איוואנגיליקי הייסט · אונ׳ ווארום עבן דיזעלביגי
אויך לוטירישי גנענט ווערדן :

# הקדמה

דאש וואָרט איוואנגיליקי אדר עוואנגעליקי · קומט הער אויש דעם לשון יון · פון דעם וואָרט עוואנגעליאן אדר וויא אן עט בלשון רומי אונ׳ בלשון אשכנז אויש שפריכט עוואנגעליאום :

דיזש וואָרט איוואנגיליאן אדר עוואנגעליאום איזט איין שם מורכב · איין צו זאמן געזעצט וואָרט · פון דער מלה איוו אדר עוו · דאש איזט טייטש גוט · אונ׳ פון דעם פועל אנגעלין · דאש הייסט · איינה באטשאפט ברינגן : אונ׳ דא הער קאמט עש אויך דש איין אלאך בלשון יון אונ׳ בלשון רוים גנענט ווירד אנגעלוס · אונ׳ בלשון אשכנז ענגל · ווייל דיא אלאכים באטשאפטר זיין צו דען מענשן : אלזוא הייסט איוואנגיליאום בכלל איינה בשורה טובה · אדר גוטי באטשאפט :

אין זונדרהייט אבר ווערדן דיא יעניגי ביכר גנענט בשורה טובה · אדר גוטי באטשאפט · וועלכי האנדלן אונ׳ בריכטן פון דער אן קונפט דש משיח אין דיזר וועלט · וויא אויך פון זיינן מעשים אונ׳ וואונדרצייכן דיא ער גטאן · פון דען יסורים אונ׳ חליים דיא ער גליטן האט פון וועגן דען זינדרן פון אלן מענשן · פון זיינר אויף שטייגונג גען הימל · פון דען

אלות

# הקדמה

אלוות דיא ער זעלבשט אדר דורך זייני תלמידים אונ׳ משולחים האט גבאטן : בקיצר הדבר · דאט בוך · וועלכט נאך דער נבואה פֿון ירמיהו אין סימן לא פסוק לא ברית החדשה · דער ניאר פֿר בונד אדר בלשון אשכנז דאש נייאי טעסטאמענט גנענט ווירד · דאש הייסט בטורה טובה · אונ׳ בלשון יון · בלשון רומי אונ׳ בלשון אשכנז עוואנגעליאום · וויל דארינן געמעלדט ווירד וויא הק״בה דיא זינדי צו גזיגלט האט · אונ׳ דיא איסטאמט פֿר געבן דורך דש זכות פֿון משיח · דער דא איזט צדק עולמים · דיא גרעכטיגקייט פֿון דער גאנצן וועלט ( דניאל סימן ט׳ פסוק כ״ד ) · וויא אויך ה׳ צדקנו · גאט אונזר רעכט פֿערטיגר ( ירמיה כ״ג פסוק ז׳ ) : דש איר דורך אין דיא גרעכטיגקייט פֿון גאט ערלאנגן מעכטן · וויא עש דער בעל עקרים מפֿרש איזט אין ספֿר ב׳ סימן כ״ח:

ווער נון דיזט ברענקט · דער ווירד זיך ניכט גנוג מתמיה זיין קענן איבר דען שטות פֿון דען חכמי התלמוד · אונ׳ פֿון אנדרן רבנים : דען וויל דיזעלביגי איער דיא גרעשטי חכמים זיין וואלן · אונ׳ מיינן דש זיא אליט ויטן · זא זיין זיא זיך זעלבשט מבייש אונ׳ לייגן פֿיל מאל דש זיא כמעט ניכט ויטן :

# הקדמה

נעמליך דיא חכמי התלמוד האבן גמיינט דאס
ווארט איוואנגיליאום קומט הער אויש דעם לשון
הקודש אונ׳ הייסט זוא פיל אלז עוון אודר און
גליון · אונ׳ דיזש נעמן דיא איניגי רבנים וויל
זיא ברוב ניכטש פון לשון יון אודר לשון רומי פר
שטיהן · זוא פאר מאכת ויליבֿ מן אונ׳ מאכן דש
רעכטי יודעי ספר ולשון איר חוכמא ומטלולת
איבר זיא האבן : וועלכש מן מגב גררא האט
מעלדן מוזן · דא מיט קיינר זיך מעהר מעכטי
בחרפה מאכן · אין דעם ער דאט וואש דיא
רבנים זאגן אלז איינה תורה ווידרום נאך דירן
וואלטי :

אליין ווירד צו אונזרי זאכי צו קומן : נאך
דעם איר נון רעכם גזעהן האבן וואש
דער פירוש איזט פון דעם ווארט עוואנגעליאום ·
זוא ווערדן איר לייכטליך פר שטיהן קענן וואש
איוואנגיליקי איזט · נעמליך עש איזט איין שם
התואר אונ׳ בדייטיט בכלל דאס יעניגי וואש נאך
דער תורה פון בשורה טובה אודר ברית החדשה
איזט : בפרט אבר · ווען עש אין בטראכטונג
דער אמונה אודר דער מענשן · דיא דא אמאין
זיין גזאגט ווירד · דא הייסט עש איינה זאלכי
אמונה דיא אין אלן שטיקן נאך דער תורה
איוואנגיליאום אודר בשורה טובה איין גריכטיט

# הקדמה

איזט אונ׳ מיט דער לעביגן רעכט איבר איין קומט : אדר אויך זאלכי לייטי דיא זיך אין אלן עקרים נאך דיזר תורה ריכטן :

אין דען ערשטן דורות · אין דען טאגן פון דען משולחים אונ׳ אנדרי תלמידים פון ישוע · האבן אלי נוצרים דיזי אמונה געהאבט · דש זיא זיך נעמליך אין אלן זאכן נאך דער תורה פון ברית החדשה געריכטיט : אלז אבר אין פר מעהרונג דער לייטן נאך דעם טויט דער משולחים אונ׳ רעכטן נוצרים פיל איניגע אויף געשטאנדן זיין דיא גזוכט האבן אלירלייא פירושים צו מאכן איבר דיא תורה פון בשורה טובה · פון וועגן אירי הנאות אונ׳ אנדרי אורזאכן · זא האבן דיא רעכטי נוצרים אן געפאנגן וויניגר צו ווערדן · אונ׳ דיא רעכטי תורה ווערי מאט פר געסן ווארדן : דען וויל דיא איניגע זיין שטארק ווארדן · האבן זיא אלי אנדרי גזוכט להשמיד ולהרוג צו זיין · וועלכי עטוואז דא ווידר האבן רידן וואלן :

בין ענדליך פאר מער אלז צוויא הונדרט יאהר · דא האט השי׳ איינן ערוועקט מיט דעם נאמן מרטינוס לוטירוס : דיזר האט מוסר נפשו געוועזן על קידוש השם אונ׳ בפרהסיא דורך דרשות אונ׳ פלפולים ווידרום גזוכט דיא תורה פון ברית החדשה איין הער צו שטעלן כבראשונה · אונ׳ דיא

כללים

# הקדמה

כלאים דא פון דעם קיסר אול אלן טריס איבר געבן צו אויגשבורג בשנת אלף תק"ל: וויל אבר דער אמפיור צו רויס איט אלי דיא טיט מן בהעפטיט ניכט אורה זיין צו דעם מאת פון דען זעלביגן כלאים · זאו וואלן זיא אויך ניכט דיא יעניגי וועלכי אויך זיך מקבל גוועזן דיא תורה פון ברית החדשה מדר בטורה טובה זאו צו האלטן · וויא לוטירוס גוויזן דט על פי ישוע ותלמידיו זיין אזו · איוואנגעליקי נענן · דט זיין זאלכי · דיא נאך דער רעכטן תורה פון משיח מיין העבר צו גין זאלן · זונדרן הייסן זיא לוטיראני · נאך דעם נאמן פון לוטירוס · דער דא פון צו ערשט האט ווידרום מן גפאנגן צו דרטן:

נאך דעם איז אבר פרנואן דט דיא יעניגי נוצרים · וועלכי דער אפפיור עם כל הנלווים אליו לוטיראני נענן · עבן דיא זעלביגי זיין · וועלכי אירי אמונה אול אירי תורה אויף דיא תורה פון ברית החדשה מדר בטורה טובה · דט דא איוואנגעליאן הייסט גרינדן · זאו קענן איר אויך לייכטליך זעהן אול ערקענן וויא זעהר זיך דיא יהודים טועה זיין · ווען זיא דיא לוטיראני חדש' אמונה נענן : דאך ווען דיא יהודים דאס וואָרט חדש' אמונה זאו פר שטין · דט דאדורך

מן

# הקדמה

מן גדייטש ווערדי דיא יעניגי אמונה אונ׳ תורה
וועלכי הטי׳ דורך ירמיה סימן ל״א פסוק ל״א אין
דען טאגן פון משיח צו געבן פר שפראכן האט ׃
זואמעלכטי עס נאך וואול רעכט זיין :

גלייך ווימ אבר דער פירוש פון דען ווארטן
ברית החדשה בייא דעם נביאים ניכט דיזר
איזט ׃ אלז וועו ׃ דער פר בונד אדר תורה
פון דעם משיח זוא נייא אדר פרענדרט זיין
ווירד ׃ דש ער דען כללים פון דער תורת משה
אונ׳ פון דען נביאים זאלטי חס ושלום צו ווידר
זיין ׃ חלילה ׃ אלזוא ווירד בייא דער ערה פון
דען נוצרים ׃ וועלכי דיא יהודים חרט מאנה
צו נענן פפלעגן ׃ ניכטש גלערנט ׃ וועלכט ניכט
אויך אין תורה נביאים אונ׳ כתובים גגריינדט
איזט ׃ אלזוא ׃ דש ווען פאר הער גזאגט ווארדן ׃
דש דיא רעכטי בנעננג פונדען לוטיראני אייגנטליך
זייא איוואנגיליקי . וויל זיא זיך נאך דעם ברית
החרשה ריכטן ׃ אדר בשורה טובה בלשון יון
איוואנגיליאן ׃ זוא הייסט דיזט זוא פיל דיא זיך
נאך כל התורה כולה ריכטן ׃ וויל אין דעם ברית
החרשה ניכטש גפונדן ווירד ׃ וועלכט ניכט אלי
נביאים שון מקדמונים הער גלערנט העטן :

אונ׳ עבן דיזט איזט דיא אורזאך ווארום מן זיך
פאר גנואן דיזט ביפלייז ווארין דער רוב פון

דען

# הקדמה

דען כללים פון דער אמונה דיא גראכט איזט · אן
גטראפן ווערדן · מעתיק צו זיין : נעמליך דא
מיט דיא יהודים זעהן מעכטן ערשטליך וואש נאך
דער תורה פון משיח דאך גלערנט ווירד · צום
אנדרן דש הקב״ה פר ברחמיו וברוב חסדיו נאך
עד היום הזה איין פאלק איבר גלאזן · װעלכי זיך
אויך דען נאמן פון גאט אונ׳ זיינם משיח בטילן ·
אונ׳ זוכן אלי עבודה זרה אויש צו רויאן פון צווישן
דער ערדן · אונ׳ דיא קרוין פון דער רעכטן
אמונה · דיא אלי אבות הקדושים גהאבט ·
ווידרום הער פאר צו ברענגן · דמאיט אן גאט
דיני שכם אחד אלש מיט איינר טולדר · אונ׳
מקויים ווערדי וואש דער נביא גזאגט ביום ההוא
יהיה ה׳ אחד ושמו אחד :

נור ווער צו ווינשן דש אלי יהודים װעלכי דיזש
ספר ווערדן דורך לייאנן וואלן · טון פאר
הער זוא העטן עוסק גוועזן אין תורה נביאים
אונ׳ כתובים · דש זיא דארינן דיא רעכטי סודות
פון משיח אונ׳ פון אלן . וה״ט צו דיזם ענין גהערט ·
רעכט העטן פר שטיאן גלערנט · דען זוא
מעכטי אינן פיל לייכט איין אונ׳ דער אנדרי עקר אין
דיזם ספר ניכט זוא פרעאר פאר קומן · אלש עס
וואול גשעהן ווירד : אליין וויל ידוע לכל איזט ·
דש דיא יהודים לעת עתה קוים אחד אן אלף

דען

# הקדמה

דען פסוק רעכט לערנן · אונ׳ דש זיא זיך בעו״ה
ניכט איין מאל מטריח זיין דען זעלבן רעכט צו פר
שטיאן · בכן בקשתינו דש דאך איין איגליכר
יהודי נור זוא פיל יתרונות בייא זיך האבן מעכטי
אונ׳ זיך ניכט תיכף וויד ארגז זיין ווען ער אין
דיזם ספר וואש אן טרעפן זאלטי · וועלכש אים
נאך זיינם עיון אלז מינות פר קומן קענטי ·
זונדרן זאל דענקן · סוד ה׳ ליראיו · דיא סודות פון
גאט זיין בייא דענן דיא זיך פאר אין רעכטשאפן
פירכטן · אונ׳ זאל דאהער זיך מאר נעאן רעכט
נאך צו פארשן ביז ער דען אמת פון גאט אונ׳ פון
זיינר תורה פינדט אונ׳ איביגליך לעבי · וויא דער
פסוק גיט דרשוני וחיו · פארשט נאך איר אויך
דש איר לעבט :

עבן אום דעטט ווילן · דא איט נעמליך דיא
יהודים דאך רעכט זעהן מעכטן דאש עש
וואהר זייא וואש איר אויבן גזאגט האבן · דש נאך
דער רעכטן תורה פון ברית החדשה אדר בשורה
טובה ניכטש גלערנט ווירד · וועלכש ניכט אין
תורה נביאים וכתובים גגרינדט איזט · אונ׳
דאמיט זיא אלזוא גאר קיינן פתחון פה ווירד דיזי
כלליס העטן · האט דער מעתיק ערשטליך
גדאכט איין איקליכן עיקר אלזוא אפרט צו זיין זוא
וואול אויט תורה שבכתב אלז אויט תורה שבעל

פה :

# הקדמה

פה · דש גאר קיין ספק העט מעהר איבר
בליבן קענן · אליין וויל עס פאר דיזש מאל
מכאה טעמים ניכט גשטעהן קאנטי · זא האט
מן נור דיא כללים וויא זיא אן זיך זיין צום דפוס
גגעבן · בפרט וויל טון אין דעם פירוש איבר
דעם בריב פון פויל אן דיא רומיים בלשון אשכנז
פיל מיזט אב גהאנדלט ווארדן וועלכש צו דיזם
ענין געהערט : ווער אלזוא דען אמת בכל לבו
זוכט דער קאן דא זעלבשט ווייטר נאך פארשן :
שליסליך מוז נאך עטוואש גמעלדט ווערדן ·
נעמליך עס בילדט זיך דער רוב פון
דעם יהודים פון דעם משיח איין דש ער אלז אלך
בשר ודם קומן זאל אונ' זיא אלי צו שרים אונ' מלכים
מאכן : וויל נון דיזש מייני זאכי מיזט דא דורך
זיא זיך זעהר פר זינדיגן · אונ' גורם זיין דש איר
גלות פר לענגרט ווירד · זא וואלן מיר לזכות
רבים עטוואש פון דיזם ענין אן פירן אויש זאלכן
מפרשים · וועלכי דיזי זאך אויש דען נביאים
בעסר פר שטיאן גלערנט : מיר וואלן אבר נור
דיא ווארטי פון דעם רמב"ם אן פירן · דיא ער
דא פון שרייבט אין זיינם פירוש איבר דיא ערשטי
משנה פון חלק · וואו זעלבשט עס אלזוא
הייסט :

אין

# הקדמה׃

אין אנו מתאווים ומקווים לימות המשיח לרוב התבואות והעושר · ולא שנרכב על סוסים ולא לשתות יין במיני הזמר · כמו שמחשבין מבולבלי הדעת · אלא התאוו הנביאים והחסידים לימות המשיח · ורבתה תשוקתם אליו · למה שיהי׳ בו מקבוץ הצדיקים · והנהגת הטובה והחכמה · וצדק המלך · ורוב יושרו · והפלגרת חכמתו · וקרבותו אל האלהים · כמו שנאמר ה׳ אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך · ועשיית כל מצוות תורת משה וגו׳ ׃ דאש הייסט אויך טייטש . מיר גלויבן אונ׳ האפֿן ניכֿט דעשט וועגן אויף דיא טאגי פֿון משיח · דש מיר אלז דען פֿילי תבֿואות אונ׳ עושר האבן מעכֿטן · אויך ניכֿט דעשטוועגן · דש מיר פֿילייכֿט אויף פפֿערדי רייטן · אונ׳ ויין טרינקן קענטן ביים אלירלייא לושטיגן חבֿרותות פֿון כלי זמרים · גלייך וויא איינגי טוטים אונ׳ פתאים אונטר דען יהודים גדענקן · זונדרן מיר האפֿן זא וויא דיא נבֿיאים · דען דיא נבֿיאים אונ׳ חסידים האבן גלושט צו דען טאגן פֿון משיח · אונ׳ אירי בגירד איזט גרויש צו אים געוועזן · וויל ביים אים זיין ווירד איין פֿר זאמלונג פֿון צדיקים · אונ׳ איינה גוטי אונ׳ קלוגי אויף פֿירונג · אונ׳ וועגן דער גרעכֿטיגקייט פֿון דעם קיניג משיח · אונ׳ וועגן זיינה נאהנטהייט צו גאט ·

# הקדמה

גאט · וויא גזאגט ווירד · גאט' האט' צו מיר
גזאגט · דוא בישט איין זון · היינט האב איך
דיך גוואון ·
עש איז אבר דאבייא ניכט בלייבן · זונדרן
איין איגלייכר איז וויטר גיאן אונ' בדענקן
וואש ישעי' נ"ג גשריבן שטיט · ער איז אויך
בדענקן · וואש דניאל אין סימן ט' פסוק כ"ד ·
אונ' וואש מלאכי סימן ג' פסוק א' גזאגט
האט · אונ' דיזט' צו זאמן האלטן מיט דער
נבואה מיכה סימן ה' פסוק א' · אונ' אליט פר
גלייכן מיט דעם . וואש אין דעם ברית החדשה
אדר בשורה טובה גמעלדט ווירד אונ' איז דא
אייא בשטענדיג אתפלל זיין צו השי' הורני נא
את דרכך · צייגי מיר דיינן וועג · וויא אויך ·
השיבני ואשובה · קערי דוא מיך אום · זוא
ווערדי איך אום גקערט ווערדן · אלז דען ווירד
זיך גוויס הקב"ה מרחם זיין איבר דאש בלייבאל
פון זיינם ערבי ישראל · אונ' ווירד זיין צארן פון
אין צרשטערין · אונ' זיא טריטטן מיט איינר
איביגן פרייד · אונ' אלז דען ווירד השי' גוויס
איינה רייני שפראך קערן צו אלן פעלקרן דש אלי
ווערדן אין דעם נאמן גאטש אן רופן · אונ' אין
דינן וויא מיט איינר שולדר · דיזר ווירד זאגן איך
גהער

# הקדמה

גהער צו גאט · אונ׳ דיזר ווירד גנענט ווערדן
מיט דען נאמן יעקב · אונ׳ דיזר ווירד מיט זיינר
האנט שרייבן צו גאט · אונ׳ ווירד זיך מיט דעם
נאמן ישראל נענן · והיה ה׳ למלך על כל
הארץ ביום ההוא יהיה יהוה אחד
ושמו אחד · שמע ישראל
יהוה אלהינו יהוה
אחד :

* * * * *
* * * *
* * *
* *
*

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0028-8

# פתיחת הספר

## של הדוכסים והשרים הישרים והמיוחסים · אשר עמדו על נפשם לקיים את דברי הספר הזה ·

## אל הקיסר יר"ה

והוא כתב מבקש אמת ודובר תחנונים :

## בשנת ת"קל ללידת ישוע

(דיזי פתיחה בגרייפט אין זיך איין טרייבן · וועלכע דיא דוכסים אונ' שרים אן דען קיסר יר"ה גשריבן האבן עהיר דיא עיקרים זיין איבר געבן ווארדן : דען אן אוז וויטן דט דיזט ספר אין דעם נאמן פון גרויטן דוכסים אונ' שרים דיא צו ענדי פון דיזם ספר גנענט זיין · עפנטליך פאר דעם קיסר אונ' פילן אנדרן שרים צו אויגטבורג אויף דעם רייכט טאג איזט פאר גלעזן ווארדן : אלזוא דט וועם אין דען עיקרים גזאגט ווירד אונז אודר מיר · זוא גיט דאט אלי מאל אויף דיא שרים זעלבסט · וויא אן אויט דיזר פתיחה נאך בעטר ווירד פר שטיאן לערנן : )

# פֿתיחה

אלז (אדונינו הקיסר יר"ה) אין קורץ פֿר
פֿלאסנר צייט איין גאיין רייכֿט טאג
אלהיר גען אויגטספורג גנעדיגליך אויט גטריבן:
איט דער אנלייגונג אונ׳ ערנסטליכֿן בגערן׳
ערנסטליך פֿון זאכֿן · דיא דען תוגר בטרעפֿן.
וועלכֿר איין ערב פֿיינד איזט פֿון דעם נאאן אליר
קריסטן (משיחיים) · וויא נעאליך דען
זעלביגן איט איינר דוירהאפֿטיגן הילף אונ׳
בסטענדיגן מלחמה ווידרשטאנדן ווערדן קענטי:
זום אנדרן אויך · וויא דאך פֿון וועגן דער צוויא
שפאלטונג (מחלוקות) אין דער אמונה הקדושה
אונ׳ אין דען גלויבן פֿון דען משיחיים (קריסטן)
אעבֿטי געהאנדלט ווערדן · אום צו דאטשלאגן
אונ׳ פֿלײם אן צו ווענדן · דס אלי איינט איקליכֿן
גוטדינקן אונ׳ איינונג צוויטן אונז זעלבסט אין ליבי
אונ׳ גיטיגקייט צו הערן · אונ׳ אוס צו ערזעהן
אונ׳ צו ערוועגן · אונ׳ דיזעלביגי צו איינר איינליגן
ווארהייט צו ברינגן אונ׳ צו פֿר גלייכֿן · אונ׳ אליט
צו טון וואס צו ביידרן טיילן ניכֿט רעכֿט ווערי אויט
גליגט אדר געהאנדלט ווארדן · אונ׳ דורך אונז
אלי איינה איינליגי אונ׳ ווארהאפֿטיגי אמונה אן
צו נעאן · אונ׳ צו האלטן : אויף דס גלייך וויא
איר אלי אונטר איינם משיח זיין אונ׳ שטרייטן ·

אלזוא

# פתיחה

אלזוא אויך אלי אין איינר גמיינשאפט אין איינר
כנסת ( קירכי ) אונ' אין איינגקייט לעבן קענטן :
אונ' דא איר אונטן ( צום ענדי פון אלן עקרים )
גנענטי קוהר פירשטן אונ' פירשטן · מיט אונזרן
פריינדן ( בני ברית ) עבן זוא צו דעם רייכשטאג
ערפאדרט זיין · אלזו ווי אנדרי קוהר פירשטן ·
פירשטן אונ' שטענדן · זוא האבן איר אונז
דארויף דערגשטאלט אויך גמאכט · דש מיר אן
דוהם צו מעלדן מיט דען ערשטן היער הער
גקומן זיין :

אונ' וויל ( אדונינו הקיסר יר"ה ) דען קוהר
פירשטן אונ' אנדרן שטענדן אויך היער צו
אויגשפורג גלייך צו אן פאנג פון דעם רייכש טאג
אונטר אנדרן האט פאר ליגן לאזן · דש איין מיגלייכר
פר מעגי פאר געלדש טרייבן פון ( הקיסר יר"ה )
זיין גוט דונקן · אונ' מיינונג · דער זעלבן אירונג
( טעות ) צווייאשפאלט ( מחלוקות ) אונ' מיטברויך
האלבר וגו' · צו טייטש אונ' לאטיין אויף טרייבן ·
אונ' איבר אנטווארטן זאלן · דארויף דען מיזט
נאך גנומן בראכט אונ' גהאלטן ראטשלאגן
( אדונינו הקיסר יר"ה ) אן דעם פר גאנגן
מיטוואך פאר גטראגן ווארדן · אלז וואלטן מיר
אן אונזרן טייל דאט אונזריגי פראעגי דעט פאר

# פתיחה

טראגט פֿון ( אדונינו הקיסר יר״ה ) אין טייטש
אונ׳ לאטיין אויך היינט פֿרייאטאג איבר געבן ·
דעטט וועגן נון אונ׳ זום גהארזאם קיגן ( אדונינו
הקיסר יר״ה) איבר רייכן אונ׳ איבר געבן איר אונזרי
כהנים (פֿפֿארהערן) אונ׳ פרעדיגר (דרשנים) אונ׳
אירי לעהרן (תורה) אויך אונזר גלויבן בקענטניס ·
וואס אונ׳ וועלכר גשטאלט זיא אויט דעם גרונד
דער געטליכן הייליגן טריפֿט (תורה הקדושה) אין
אונזרן לאנדן · פֿירשטן טיהאר · הערטאפֿטן ·
שטעטן אונ׳ גביטן · פרידיגן (דרשן) לערנן ·
האלטן אונ׳ אונטרריכטן : אונ׳ זיין קיגן (אדונינו
הקיסר יר״ה) אונזרן אלר גנעדיגשטן הערן · איר
אין אלר אונטר טעניגקייט ברייט ווילג · ווען דיא
אנדרי קוהר פֿירשטן · פֿירשטן אונ׳ שטענדי עבן
דער גלייכן זוייא פֿאפֿיגטי טריפֿטליכי איבר
געבונג פֿון אירן איינונגן אין טייטש אונ׳ לאטיין
אילונד אויך טון ווערדן · דט איר אונז איט אירן
גליבטן אונ׳ אינן פֿון בקוועאליכן פֿר גלייכונג וועגן
אונטר רידן · אונ׳ דער זעלביגן פֿר אייניגן וואלן ·
זוא פֿיל דער גלייכהייט נאך איאר איגליך איזט ·
דא איט אונזר ביידר זייטט טריפֿטליך פֿארברייגן ·
אונ׳ דיא גברעכן אונטר אונז זעלבסט אין ליבי אונ׳
גיטיגקייט גהאנדלט · אונ׳ דיזעלביגי זוויא טפאלט
(מחלוקות)

( מחלוקות ) · צו איינר איינציגן וואהרן רעליגיאן
( אמונת אמת ) וויא מיר אלי אונטר איינם משיח
זיין · אונ׳ שטרייטן אונ׳ דען משיח בקענן זאלן ·
אליט נאך פֿר לויט אפֿט גמעלדיטט אויט שרייבן פֿון
( אדונינו הקיסר יר״ה ) אונ׳ נאך דער געטליכֿן
וואהרהייט גפֿירט ווערדן מעגי : גלייך וויא מיר
אויך גאט דען אלמעכֿטיגן מיט העכֿטטר דעמוט
אן רופֿן אונ׳ ביטן וואלן זייני געטליכֿי גנאד דא צו
צו טענקן · אמן :

וואר אבר בייא אונזרן הערן · פֿריינדן אונ׳
בזונדרט בייא דען קוהר פֿירטטן פֿירטטן
אונ׳ שטענדן פֿון דעם אנדרן טייל דיא האנדלונג
דער מאסן וויא דאט אויט שרייבן פֿון ( אדונינו
הקיסר יר״ה ) פֿראאג · אונטר אונז זעלבשטן אין
ליבי אונ׳ גיטיגקייט בקוועמליכֿי האנדלונג ניכֿט פֿון
שטאטן גימן · אונ׳ ניכליך זיין וואלטי · זוא בלייגן
איר צוואהר קלערליך · דט אן אונז אין קיינם שטיק
ערואנגלן זאל · זוא פֿיל איט גאט אונ׳ גוויטן צו
קריסטליכֿר אייניגקייט דינליך זיין קאן אונ׳ מאג :
וויא ( אדונינו הקיסר יר״ה ) וויא אויך דיא
גמעלדיטי אונזרי פֿריינדי · דיא קוהר פֿירטטן ·
פֿירטטן אונ׳ שטענדי אונ׳ איין איגליכֿר ליב האבר
פֿון דער קריסטליכֿן רעליגיאן (אמונת המשיחיים)

# פתיחה

דעם דיזי זאכן פאר קומן · אויז דעם "נאך
פאלגנדן בקענטניס פון אונז אונ' פון דען אונזריגן
גנעדיגליך פריינדליך אונ' גנוגזאם ווערדן צו פר
נעמן האבן :

נאך דעם דען (אדונינו הקיסר יר"ה) פאר
אאלט דענן קוהר פירשטן · דען פירשטן
אונ' דען שטענדן דז רייכש גנעדיגליך צו פר שטיאן
געגעבן · אונ' זונדרליך דורך איינה עפנטליך פאר
גלעזני אונטר ריכטונג · אויף דעם רייכש טאג ·
וועלכר אים יאר נאך דער קליינן צאל (לפרט קטן)
זעקס אונ' צוואנציג צו שפייאר געהאלטן · דז
(אדונינו הקיסר יר"ה) אין זאכן · דיזא אונזרן
הייליגן גלויבן בטרעפן ניכט אין ווילן האבן עטוואס
צו בשליסן . אויז דען אורזאכן · וועלכי דאביא
געמעלדט װארדן · זונדרן אין ווילן האבן בייא דעם
פאבשט (מספיור) אום איינה פר זאמלונג צו
בפלייסיגן אונ' אן האלטונג צו טון : אונ' פאר
איינם יאהר · אויף דעם לעצטן רייכש טאג צו
שפייאר זזא האבן (אדונינו הקיסר יר"ה) דענן
קוהר פירשטן פירשטן אונ' שטענדן אין דעם רייך
דורך אייער קייזרליכי אייעשטעטט שטאט האלטר
אין דעם רייך · קיניגליכי ווירדי צו אונגרן אונ'
ביהאן וגו' וויא אויך דורך דען דידנר (מליץ) אונ'
פר אורדניטי קייזרליכי קאמיסאריאן דיזט אונטר



Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-137010-p0034-1

פתיחה

אנדרן פאר טראגן לאזן׳ פר מעגי איינר טריפטליכן
אונטר ריכטונג ׃ דט (אדונינו הקיסר יר״ה) דאט
גוטדינקן פון דערזעלביגן שטאט האלטר ׃ פון
אמטט פר וואלטר אונ׳ רעטי, ( יועצים ) דט
קייזרליכן רעגיאענטז ׃ אויך פון דען אבוועזנדן
קוהר פירשטן׳ פירשטן אונ׳ שטענדן׳ באטטאפטרן׳
זוא אויך דעם אויט גטריבנן רייכט טאג צו
רעגנזבורג פר זאאלט ווארן ׃ פון וועגן איינר
אלגאיינן פרזאאלונג נאך גראכט ׃ אונ׳ אויך פאר
פרוכטבאר ערקענט זאלכט אן צו שטעלן ׃ אונ׳
וויל זיך דיזי זאכן צווישן (אדונינו הקיסר יר״ה) אונ׳
צווישן דעם פאבשט (אפפיור) צום גוטן קריסטליכן
פרגלייך שיקטן ׃ זוא צוויפלטן אדונינו הקיסר
יר״ה ניכט עס ווערדי דער פאבשט דאזו
גבראכט ווערדן איינה גאייני פר זאאלונג צו האלטן׳
דעטט וועגן האבן אדונינו הקיסר יר״ה בלייגט
פליים אן צו ווענדן ׃ דט דער גמעלדיטי פאבשט
צוגלייך מיט אדונינו הקיסר יר״ה איין זאלך גאייני
פר זאאלונג מיט דעם ערשטן מויט טרייבן אונ׳
פר זאאלן לאזן ׃

אין זאלכן פאל ׃ זוא ערביטן קיגן אדונינו
הקיסר יר״ה איר אונז היערמיט אין אליר
אונטר טעניגקייט ׃ אונ׳ צום איברפלוס פערנר
אויך אין זאלכי גאיין פרייאן קריסטליכי ( כדת

המשיחיים

# פתיחה

המשיחיים ) פר זאמלונג · פון וועלכן אויך אלין
רייכט טאגן · זאז ארונינו הקיסר יר״ה בייא אירר
רעגירונג אין דעם רייך געהאלטן · דורך קוהר
פירטטן · פירטטן אונ׳ טטענרן אויט הויכן אונ׳
וויכטיגן בוועגונגן איזט געהאנדלט אונ׳ דורך דיאז
טטיאן בטלאסן ווארדן · אן וועלכר גאייני פר
זאמלונג איר אונז נעבשט אדונינו הקיסר. יר״ה
פון וועגן דיזר זעהר וויכטיגן זאך · שוין זו פאר
נאך רעכט מעסיגר וויז אונ׳ פורם ברופן אונ׳
אפפעלירט האבן : אן וועלכר אפפעללאזיאן
איר אויך נאך אאלט אן העניג בלייבן · אונ׳
אונז דורך דיזי אדר נאך פאלגנדי האנדלונג ניכט
דאפון בגעבן ווערדן : עס ווערדן דען דיזי
זוייא שפאלטיגן זאכן ענדליך אין · ליבה אונ׳
גיטיגקייט · לויט דט אויט טרייבן פון אדונינו
הקיסר יר״ה געהערט . ערוואגן · בייאגליגט ·
אונ׳ זו איינר קרישטליכן איינגקייט פר גליכן :
וואופון איר היער איט עפנטליך זייגן אונ׳
פראטעטטירן : אונ׳ איזט דאט אונזר אונ׳
דער אונזריגן בקענטניס וויא
אונטרטידליכי פון ארטיקול זו
ארטיקול הער נאך
פאלגט :

# עיקרי האמונה והתורה
## של עדת המשיחים
## המכונים בלשון לעז
## איוואנגיליקי .

דיא גרינדי פֿון דעם גלויבן אונ׳ פֿון דער
לערנונג דער גמיינדי דער נוצרים · דיא גנענט
ווירד עוואנגעליטי ( דער טעם פֿון דיזר
בנענונג שטיט אין דער הקדמה )

### עיקר א

**צ**ום ערשטן זיין אלי קהילות ביימ
אונז ( לוטיראני ) אורדה אונ׳
לערנן פה אחר דא אין נאך דעם
בשלוס פֿון דעם ווער ווצלכט צו
ניקיא ווחר ( דא פֿון צו ענדי דיזס פרק צו לעזן )
אן אלן טייפֿל גלויבן אונז איין איינליג ישועות אדר
וועזן פֿון גאט אבר דאך אין דרייא גוונין אדר

פערשוינן · נעמליך דש דא זייא איין געטליך
ישות · וועלכֿש גנענט ווירד אונ׳ וועלכֿש אויך
איזט גאט · איביג · און קערפרליך · און
טיילבאר · פֿון דער אלר גרעשטן מאכֿט
קלוגהייט · גיטיגקייט אונ׳ וועלכֿש אויך איזט
דער בשעפֿפֿר אונ׳ דער ערהאלטר פֿון אלן
דינגן · דיא זיכֿט באהר אונ׳ און זיכֿט באהר
זיין · אונ׳ דש דאך אין דעם איינם זיין דרייא
גוונין אדר פערשוינן פֿון איינר לייא ישות
( וועזן ) אונ׳ פֿון גלייכֿר גוואלט אונ׳ פֿון גלייכֿר
איביגקייט · דהיינו ( דער ערשטי גוון הייסט
אב ) דער פֿאטר · ( דער אנדרי הייסט בן )
דער זון · ( דער דריטי הייסט ) רוח הקודש :
אונ׳ דורך דאש ווארט גוון אדר פערשון ווירד
ניכֿט איין טייל אויך ניכֿט איינה אייגנשאפֿט
אין איינם אנדרן פֿר שטאנדן · זונדרן עש
ווירד דאדורך פֿרשטאנדן איין זאלכֿט ישות דאש
דא פֿאר זיך זעלבשט בשטיין קאן · גלייך וויא
דיא חכֿמים הראשונים ( פֿון דען משיחיים ·
דא פֿון צו ענדי פֿון דיזם פרק עטוואש געמעלדט
איזט ) זעלביגי ווארט אין דיזם עניין ( פֿון
שילוש ) גברויכֿט האבן :
דיזם נאך ווערדן פֿר ווארפֿן אלי מינות אונ׳
פֿאלשי לערנונגן · דיא ווידר דיזן עיקר
זיין ·

זיין · אלז לאטז דאס אינות פֿון מאניס אונ׳ דיא
איס נאך פֿאלגן · אלז וועלכי גזאגט האבן דס
צווייא גיטער ווערן · איין גוטר אונ׳ איין בויזר ·
אויך דאס אינות פֿון דען כתות דיא גנענט
ווערדן וואלינטיניאני · אריאני · איימאניאני ·
אונ׳ פֿון מחמד איט דען דיא אן איס אן בהעפֿטן ·
אונ׳ פֿון אלן אנדרן · דיא דיזן גלייך זיין :
דעטט גלייכֿן וויר פֿר ווארפֿן דאס אינות פֿון
דען אלטן אונ׳ נייאן זאמוזאטיני · אלז וועלכי
פֿאר געבן · דש נור איין גוון אדר פערשוין
זייא · אונ׳ פֿון דען אנדרן צווייאן נעאליך פֿון
בן אונ׳ רוח הקודש דא מאכֿן זיא בעראה אונ׳
ברטעות אליר לייא פֿאלטי טענות אונ׳ זאגן ·
דש עס קיינה אונטרשידליכֿי פערשוינן זיין ·
זונדרן מימרא דאס ווארט · בדייטי איין ווארט ·
וועלכֿט אן דורך דיזו שטים אויט שפריכֿט ·
אונ׳ רוח בדייטי איינה בוועגונג דיא אין דען
קרעאטורן גשפֿן איזט :

## פירוש המלות זרות

ניקיא איזט איינה שטאט אין אזיא · בייא
דעם קליינן ים · וועלכֿס דיא תוגרים
איזניק נענן · זיא ליגט אין דער מדינה · דיא
פֿאר דיזם ביטיניא היס אילונד אבר אויך צו

נאטוליא גרעפֿנט ווירד אונ׳ וואר דיא הויפּט
שטאט : דיא ישמעאלים נענן דיזי שטאט
היינט צו טאג איהניט אדר אויך איזניך :
אלז אין פֿר מעהרונג דער טאגי נאך דעם
טויט דער משולחים אונ׳ אליר תלמידי מאות
פֿון ישוע אין דען ערשטן דורות. פֿילי אורי טקר
אויך גשטאנדן וואהרן אונ׳ אלירלייא איתות מיין
גפֿירט׳ זונדרליך אבר איינראיט דעם נאמן אריאוס
אונ׳ איין אנדרר איט דעם נאמן מאניס ׳ אונ׳ נאך
פֿילי מער ׳ דא פֿון וייטר פֿאלגן ווירד ׳ זוא
האט דער קיסר קונשטאנטינוס ׳ ווענכֿם דער
ערשטי קיסר גוועזן ׳ זוא דיא אמונה דער
נוצרים אן גנומן אונ׳ אויט גברייטיט האט ׳ אין
דעם צוואנציגשטן יאר פֿון זיינם קיניגרייך
בשנת ארבע אלפים שמונים וחמשה ׳ אדר
למנין הנוצרים שלש מאות חמשה ועשרים ׳
איין בפֿעל גגעבן דש דיא ראשים אונ׳ אבירי
הרועים אויש יון אונ׳ ארץ ישראל זיך דא הין
נאך ניקיא פֿר זאמלן מעכֿטן ׳ אונ׳ איינן וועד
האלטן ׳ אום דארינן צו אונטר זוכֿן וואש אינות
איזט אדר ניכֿט ׳ אונ׳ ווען זיא נאך גנוימר
חקירה אונ׳ דרישה פֿינדן ווערדן דש עטוואש
אינות פֿאר האנדן ׳ זוא זאלן זיא עש אב שאפֿן ׳
אונ׳ דאגעגן גוויסי עקרים נאך דער תורה פֿון

בריתּ החדשה אויך זעלן · וואור נאך זיך אלי
קהילות ריכטן זאלן · וועלכט אויך גטעהן
אייזט · אונ' וואר דער קיסר זעלבשט מיט אין
דעם ווער: אונטן צו ענדי דיזט ספר זיין אירי
עקרים אויך צו פינדן :

מאנים אדר מאני · וואר אויש פרס געבירטיג ·
אונ' פינג אן אין דעם דריטן דור נאך
דער געבורט פון ישוע פיל מינות צו לערנן · אונטר
וועלכן דיזט דאט אליר גרעשטי אונ' ערגשטי
געוועזן אייזט דט ער פאר גאב עט ווערן שתי
רשויות · וויא אין דעם עיקר זעלבשטן אן
גפירט אייזט: אן קאן אויך זעהן וואשר' אברהם
אין דעם ספר שלשלת הקבלה פון אים
גשריבן האט :

וואלענטיניאני דיזי מינים ווערדן גנענט נאך
דעם נאמן פון אירם ראש ·
דער היס וואלענטינוס · מיט אנרים : ער
לעבטי צור צייט פון אנטונינוס הקיסר ·
דער מיט דעם צו נאמן גנענט וואורד פרום :
דיזר וואלענטינוס אבר זאל איין גרויסר אלואר
אונ' בעל דברן געוועזן זיין · אונ' דא ער גדאכט
איין ראט הקהל צו ווערדן אונטר דען נוצרים
אונ' ער וואר דאך ניכט דא צו אויש גוועלט וואורדן ·
זונדרן איין אנדרי דא וואורד ער ברוגז דריבר אונ'

גינג דריבר לתרבות רעות · פינג אלר לייא
מינות אן · זונדרליך לערנטי ער דש דרייאיג
געטר ווערן ווארונטר פונפצעהן נקבות זיין זאלטן·
אונ׳ דער גלייכן טעות מעהר :

אריאני קומן הער פון איינם דעם אריאוס
אדר פילייכט אריה הים וועלכר
איין לאנד רב וואר צו אלכסנדריא אין מצרים ·
אונ׳ וויל ער איין גרויטר בעל גאוה געוועזן · זוא
ווער ער גערן העכר געווארדן · אונ׳ דא דיזש
ניכט געשעהן זונדרן איין אנדרר מיט דעם נאמן
אלכסנדר איבר אים געזעצט ווארד · גינג ער
אויך אויש רגזה לתרבות רעות אונ׳ לערנטי
מינות :

מחמד דיזר איזט בקאנט גנוג : דש ער זיך
נעמליך פאר איינן נביא אונ׳ משולח
פון הקב״ה אויש געגעבן · אונ׳ דורך זיינה תורה
דיא קוראן אדר אלקוראן גנענט ווירד האט ער
כמעט אלי אומות אין אזיא אונ׳ אפריקא פר
פירט · וויא דא זיין נאמל דיא ישמעאלים ·
דיא קדרים · דיא תוגרים אונ׳ פילי אנדרי
אומות אונ׳ אלביות מער : ער וואר ערשטליך
בייא איינר רייכן אלמנה משרת · אונ׳ מוזטי
איר העלפן משא ומתן טרייבן · דער נאך ·
וויל ער זיך גוט דא צו שיקטי · נאם אין דיא
אלמנה

אלמנה צום מאן · אונ' היער אויך פינג ער אליר
לייא ערוות אונ' תחבולות צו טרייבן · ביז ער
איינה נייאה אמונה האט אויא גוועזן · אונ'
נאך דעם איינגי גזלנים אונ' אנדרי צו איס
גפאלן זיין · דא גינג ער פון איינם מקום צום
אנדרן · אונ' וואר אלי זוא לאנג מענה ווילר ביז
זיא זיינה אמונה אן נאמן · דען ווען זיא דיזט
ניכט טאטן זוא ליס ער אלי דן זיין באיתות
משונות ואכזריות : דט אלזוא מער באונס
אן אים האבן מאמין גוועזן אלז ברצון · ער
איזט גבוירן בשנת ארבע אלפים של"א · אדר
תתק"עא למנין הנוצרים · אין דער שטאט
מיקא · בייא דעם ים סוף:

## זאמוזאטיני דיזי ווערדן אלזוא גנענט נאך דעם נאמן פון אירם ראש ·

ווע לכר אויט דער שטאט זאמוש גבירטיג וואר · אונ' הים פוילוס · ער וואר ראש הקהל צו אנטיוכיא : אונ' אויב ער שון זעלבשט ניכט דער ראש איזט פון דיזר כיתה אונ' פון דער זעלבן אימות · זונדרן איין אנדרר מיט דעם נאמן נאיטוס אויש זמירנא · זוא ווערדן זיא דאך נאך זיינן נאמן גנענט · וויל ער דאש זעלביגי אימות אן אלר איינשטן האט גלערנט אונ' עס נאך גזוכט צו פר אנטווארטן · וויא

דען עבן דיזי כיתה אויך זאבילליאני גנענט
ווערדן · נעמליך נאך איינם דער זאבילליאוס
הים · הויט אפריקא אונ׳ דעסן זיין רבי גוועזן ·
אונ׳ איין תלמיד פון דעם ראש בריון נאיטוס ·
נעמליך עבן אויס דער פאריגן אורזאך

## עיקר ב

צום אנדרן לערנן אונ׳ גלויבן איר · דש אלי
מענשן · וועלכי נאך דעם חטא פון
אדם הראשון בדרך הטבע גבוירן ווערן · אין
זינדן גבוירן ווערדן · דאס הייסט · ( זיא זיין
מטבע ) מן פורכט פאר גאט · אן פר טרויאן צו
גאט · זונדרן פיל מער האבן לוסט אונ׳ בגירדי
צום בזן אונ׳ זיין גנייגט דא צו פון מוטר לייב
אן ( ווי אויך דיא רבנים זאגן יצר הרע שולט
באדם משעת לידה ) · אונ׳ לערנן אויך דס
דיזט אן גבוירני חולשת נעמליך דיזי ביזי מדה
וועלכי פון אדם הראשון הער איינם אן גבוירן
הייסט · באמת זינדי זייא · אונ׳ דס זעלביגי
אלי מרשיע אונ׳ מחייב הייסט אונ׳ ברינגט אויך
טוין פון נון דען איביגן טויט איבר דיא · וועלכי
זיך ניכט ערנייארן דורך דיא טבילה אונ׳ דורך
דען רוח הקודש :

דעשט ווגן ווערדן פר ווארפן דיא פילאגיאני

אונ׳ אנדרי וועלכי ניכט אורה זיין וואלן · דש
דער חטא וועלכן איר פֿון אדם הראשון ערבן ·
באמת איין חטא זייא : אונ׳ דא איט זיא דען
כבוד פֿון דען זכות דש משיח אונ׳ פֿון זיינן
מתנות חנם אעלכטן קליין אאכן : זוא זיין זיא
אפֿלפל אונ׳ זאגן · דש דער בן אדם קענטי
אויט זיינע אייגנן כוח׳ אונ׳ יכולת פֿאר הק״בה
גרעכטפֿערטיגיט ווערדן :

## פירוש המלות זרות

פילאגיאני קומן הער פֿון פילאגיאוס · איינע
גלח אויט ענגלאנר · לו אן פֿאנג
פֿון דעם פֿינפֿטן דור נאך ישוע אדר בשנת
ת׳ה · למנין היהודים בשנת ארבע אלפים קס״ה :
זיין איינות וואר בפֿרט דאט יעניגי וואט אין
דעם עקר גאעלדט איזט :

## עיקר ג

צום דריטן לערנן איר · דש דאט מימרא דיי׳ ·
דאט איזט דער בן אלהים זיך האט
אתלבט גוועזן אין איינה אענטליכי טבע אין
דעם לייב פֿון דער יונגפֿרויא מרים ( עליה
השלום ) · דא איט לוויא נאטורן · נעאליך איינה
געטליכי אונ׳ איינה אענטליכי אין איינר פערשון

מעכטן פר קניפפט אונ׳ פר בונדן זיין גאנץ און
צו טרעגליך· אונ׳ איין משיח מוש מאכן· דער
באמת גאט איזט· אונ׳ באמת איין מענש·
דער געבוירן איזט פון דער יונגפרויא מרים·
אונ׳ באמת יסורים געליטן האט· אויף
דאש האלץ געהענקט· דא דראן געשטארבן· אונ׳
דער נאך בגראבן· אויך דש ער אונז דען פאטר
(אים היאל) מעכטי אכפר זיין אונ׳ איין אפפר
זיין· ניכט נור אליין פאר דען חטא פון אדם
הראשון· זונדרן אויך פאר אלי אנדרי ווירקליכי
זינדי דער מענשן: אויך לערנן זיא דש עבן
דער זעלביגי משיח גנידרט איזט אין דיא גרוב·
אונ׳ באמת אן דעם דריטן טאג ווידרום אויף
געשטאנדן· דער נאך הין אויף געגאנגן אין
היאל: דש ער זיצן מעכטי צו דער רעכטן
האנד פון דעם פאטר· אונ׳ אין אייביגקייט
קיניג זיין· אונ׳ געוועלטיגן איבר אלי קרעאטורן
אונ׳ היילגן מעכטי דיא יעניגי· זא אן אים
גלויבן· דורך דען רוח הקודש· וועלכן ער
אין אירי הערצן שיקט· דער זיא פיהרן טרישטן
אונ׳ אויף מונטרן אונ׳ בשיצן זאל· ווידר
דען שטן· אונ׳ ווידר דיא געוואלט פון דעם
חטא: אויך לערנן איר דש עבן דער זעלביגי משיח
צו קינפטיג אפן באהרליך ווירד קומן צו
ריכטן

ריכטן דיא לעבנדיגי אונ׳ דיא טויטן וגו׳ · נאך דעם יסוד אונ׳ עקר פֿון דען משוחי ישוע :

## עיקר ד

צום פֿירדן גלויבן אונ׳ לערנן מיר · דש דיא מענשן ניכט קענן גרעכטפֿערטיגט ווערדן פֿאר גאט מויט אייגן זכֿיות אונ׳ מעשים טובֿים · זונדרן דש זיא אומן מליחת העוונות אונ׳ דיא גרעכטיגקייט מקבל זיין אויט חסד חנם · פֿון וועגן דש משיח · אונ׳ פֿון וועגן דען גלויבן אן אים · דא זיא נעמליך גלויבן · דש זיא חסד ערלאנגן אונ׳ דש איהנן דיא זינדי פֿר געבן ווערדן פֿון וועגן דש משיח · וועלכר דורך זיינן טויט פֿאר אונזרי זינדי גנוג גליטן אונ׳ כפרה געגעבן האט : דען דיזן גלויבן רעכנט גאט צור גרעכטפֿרטיגקייט פֿאר אים · וויא דער פסוק זאגט אין דעם בריב פֿון פויל אן דיא רוֹמייאר סימן ג׳ · אונ׳ סימן ד׳ :

## עיקר ה

צום פֿינפֿטן · אום נון זאלכן גלויבן צו ערלאנגן · זוא האט הקב״ה אתקן גוועזן (אן גיאורדנט) דיא עבֿודת הכהנים · נעמליך צו דרשן דיא בשורה טובֿה · אונ׳ דיא יעניגי זאכן

אויש צו טייאן · וועלכי צום צייכן פון דעם ברית של חסד זיין געבאטן וואררן : דען דורך דיזי צווייא זאכן · טעוקט הק"בה אונז דורך דאש איפל דען רוח הקודש · דער דא ווירקט אין דעם ארט אול צו דער צייט · וואו עש הש"י וואול געפאלט דען גלויבן אין דענן · וועלכי דיא בשורה טובה הערין · אלו וואורין געלערנט ווירד · דש הש"י אונז גרעכט מאכט ניכט פון וועגן אונזריר זכיות · זונדרן פון וועגן דש משיח · אול דיזש געשיכט ווען איר זאלכש באמונה שלמה גלויבן :

דעשט וועגן ווערדן דיא יעניגי מינים פר וואורפן · דיא אנאבאפטיסטא הייסן · זוויא אויך אלי אנדרי · וועלכי לערנן · דש אין קענטי דען רוח הקודש עמפפאנגן אן דאש ווארט פון דער בשורה טובה · וועלכש אין אויט דעם אונד אויש שפריכט · זונדרן וועגן אן זיך זעלבשט צו ברייטיט במחשבה ובאעטה :

## פירוש המלות זרות

אנאבאפטישטא דיזש ווארט איזט איין שם מורכב אויש דעם לשון יון · נעמליך פון אנא · דאש איזט טייטש עוד ווידרום · נאך איין מאל : אול פון באפטיסמא דאש

דאס הייסט איינר דער טובל איזט · אונ׳ ווערדן
דיזי איניק אלזוא גנענט · וויל זיא אויט דער
איינונג דט זיא אליין חסידים ווערן אונ׳ אלי
אנדרי נוצרים לויטר רשעים · אלי דיא יעניגן
וועלכי פון תפל אמונה וונדרליך צו אינן זיך וואלטן
ארבק זיין · נאך איין מאל האבן טובל געווזן ·
אונ׳ דרום הייסן זיא אנאבאפטיסטי · כלומר ·
טובלים עוד · דיא דא דיא טבילה אשנה זיין
אונ׳ נאך איין מאל טובל זיין · זיא האבן וואול
נאך מער מינות אונטר זיך · ויא ווייטר אין
דען אנדרן עקרים פאלגן וירד · אליין וייל
דיזט דאס גרעסטי איזט · זוא ווערדן זיא דא
פון גנענט : אויך טייטש הייסן זיא ווידר
טויפר: אויב נון גלייך זוא וואול לוטיר זעלבשט
אלז אנדרי נאך אים דיזה כתה פר ווארפן האט
זוא האט זיא זיך דאך אתפשט געוועזן · אונ׳
וואונן פיל דא פון אין האלאנד אונ׳ אנדרן פרייאן
מקומות · זונשטן אבר וזן זיא זיך בשתיקה
האלטן : זיא ווערדן אויך גנענט אינאניטטן :
דער אן פאנג פון דיזן מינות איזט טוין גמאכט
ווארדן בייא דעם מינות פון נובאטיאני אין
אפריקא אונ׳ צו רוים : וואו פון דער נאך אין
דעם צוועלפטן עיקרווירד גמעלדט ווערדן :
אין מטכנז אבר האט דיזט מינות אן גפאנגן

אין דען טאגן פֿון לוטיר · נעאליך צו
אינטטר :

## עיקר ו

צום זעקסטן לערנן מיר · דט זאלכר גלויבן זאל גוטי פֿרוכֿט בריינגן · אול דט אן דיא מעטים טובֿים · וועלכֿי הק"בה גבאטן האט · טון מוז פֿון וועגן דען ווילן פֿון גאט · ניכֿט דט מיר אונז פֿר זיכֿרן וואלטן דורך זאלכֿי ווערקי דיא גרעכֿטפֿערטיגקייט פֿאר גאט צו פֿר דינן : דען מיר עמפפֿאנגן דיא פֿר געבונג אול דיא גרעכֿטפֿערטיגקייט דורך דען גלויבן גלייך וויא עס דיא ווארטי פֿון דעם משיח זעלבסט בזייגן · ווען ער גשפראכֿן ( בסורה טובֿה דורך לוקאס סימן י"ז פסוק י׳ ) ווען מיר אליס גטאן האבט · זא שפריכֿט · מיר זיין ניכֿטש נוציגי קנעכֿטי : עבן אזוא לערנן דיא חכֿמים הראשונים : דען אבראזיאוס זאגט · דיזט איזט בשלאסן בייא גאט · דט איין איגליכֿר · דער אן דעם משיח גלויבט זעליג ווערדי · אהני ווערקי · זונדרן דורך דען גלויבן אליין בחינם עמפפֿאנגט ער פֿר געבונג דער זינדן :

## עיקר ז

צום זיבנדן לערנן מיר · דש אלי ציט איינה
קהלה קדושה זיין אונ' בלייבן מוז :
איינה קהלה קדושה אבר איזט איינה פר זאמלונג
פון דען גלויביגן · בייא וועלכר דיא בשורה
טובה פון דעם משיח רעכט געלערנט ווירד ·
אונ' דיא זאכן · וועלכי הקב"ה צום צייכן פון
דעם ברית החסד געגעבן · רעכט נאך דער
תורה פון ברית החדשה פר וואלטיט ווערדן :
דען דיזט איזט גנוג צו דער ווארהאפטיגן
איינגקייט פון דען קהלות דער משיחיים ·
דש מין העליגליך נאך דעם רעכטן פירוש דיא
בשורה טובה גדרשת ווירד · אונ' דיא צייכן
פון דעם ברית החסד אדר גנאדן פר בונד
אויש גטיילט ווערדן · אונ' עש איזט ניכט דא צו
ניטיג דש איבראל איינרלייא חוקים אדר מנהגים
וועלכי מענשן האבן אתקן גוועזן זאלן גהאלטן
ווערדן · גלייך וויא דער משולח פאול
גזאגט האט אין זיינם בריב אן דיא גלויביגי
צו עפיזום סימן ו' · איין גלויבן ·
איינה טבילה · איין גאט · אונ' איין
פאטר צו אלן :

## עיקר ח

צום אכטן · אויב טון דיא קהילה דער משיחיים איינגטליך ניכטט אנדרשט אייזט אלז איינה פר זאמלונג פון דען ווארהאפטיגן גלויביגן אונ' הייליגן · דאך · וויל אין דיזם לעבן פיל פאלשי משיחיים אונ' טאייליכר זיין · זוא זיין דיא זאכן ווענכי לום לייכן דט גנאדן פר בונדט גברויכט ווערדן גלייך וואל קרעפטיג · אויב זיא טון דיא יעניגי · וועלכי זיא פר ריכטן · ניכט פרום זיין · אונ' דיזט נאך דעם אויט טפרוך דש משיח אלז וועלכר גזאגט · דיא סופרים אונ' דיא פרושים זיצן אויף דעם שטול פון משה וגומר : אלזוא בלייבן דיא לייכן פון גנאדן פר בונד · אונ' דיא דרשה פון דער בטורה טובה פון וועגן דער אן ארדנונג אין בפעהל פון דעם משיח קרעפטיגליך · אויב זיא גלייך דורך ביזי משרתים פר ריכטיט ווערדן :

דעשט וועגן ווערדן פר ווארפן דיא איניס וועלכי דאנאטיסטי הייסן · אונ' אלי אנדרי דער גלייכן · וועלכי אנדרשט לערנטן :

דאנאטישטי

## פירוש המלות זרות

דאנאטישטי פון איינם אב בית דין אונ' ראש הקהל פון דען נוצרים צו קארטאגא אין אפריקא · דער דונאטוס הים · דער האט עבן צו דער צייט איינות אן געפאנגן אין אפריקא אלז אריאוס אין אזיא · נעמליך צור צייט דס קיסר קונסטאנטינוס : אונ' אויב גלייך דער קיסר זיך האט מטריח געוועזן דיזט זיין איינות אויס צו רויאן · זא האט עס דאך ניכטס העלפן וואלן · ביז ענדליך דער תוגר איז תקיף געווארדן אונ' דיא אטלה אין אפריקא ערהאלטן · דא זיין זא וואול דיא איינים אלז אנדרי נוצרים דא זעלבסט מאט אויף דען טורט פר פילגט ווארדן :

## עיקר ט

צום ניינטן לערנן איך · פון דער טבילה דס זיא ניטיג זייא צו דער זעליגקייט · אונ' דס דורך דיא טבילה דיא גנאדי גאטס אן געבאטן ווערדי · אונ' דס דיא קלייני קינדר אוין נטבל ווערדן · אלז וועלכי דורך זאלכי טבילה צו גאט גנאהט אונ' אין זייני גנאדי אויף גנומן ווערדן :

דעשט וועגן ווערדן דיא איניס פֿר ווארפֿן ·
וועלכֿי דיא טבֿילה ווידר הוילן ·
(אנאבפטיטטא) אלז וועלכֿי לערנן דט אן קליינה
קינדר ניכֿט זאל טובֿל זיין · אונ׳ דט דיזעלביגי
אן טבֿילה קענן זעליג ווערדן :

## עיקר י

צום לעהרן · פֿון דעם חוק · דער דא
געהערט צו דען צייכֿן פֿון דעם גנאדן פֿר
בונד אונ׳ גנענט ווירד דיא נאכֿט מאלצייט דט
הערן (משיח) לערנן איר · דט דער גוף אונ׳
דאט דם פֿון דעם משיח באמת אונטר דער
גשטאלט פֿון ברויט אונ׳ ווין (חעלכֿט בייא דער
עבֿודה פֿון דיזם חוק גברויכֿט ווירד) געגן
ווערטיג זייא · אונ׳ דא אין דיזר עבֿודה אויט
גטיילט אונ׳ גנאסן ווירד : דעסט וועגן ווערדן
אלי פֿר ווארפֿן דיא אנדרשט לערנן :

## עיקר יא

צום איילפֿטן לערנן איר פֿון דער ווידוי (בלטון
מטכנא בייכֿט) דט מן אין דען בתי כנסיות
(בלטון מטכֿנא קירכֿן) נוויטן זיך אונ׳ נוויטן דעם
כוהן זייני חטאים זאל אודה זיין אונ׳ פֿון אים
דיא פֿר זיכֿרונג פֿון כפרת החטאים ערלאנגן
אונ׳

אונ׳ דיזן מנהג ניכט פאלן לאזן · אויב טון אן
דער ווידוי זעלבשט ניכט ניטיג איזט אלי שגיאות
עוונות אונ׳ פשעים בפרטית צו ערצילן · דיא וויל
דאך זאלכש ניכט מיגליך איזט · וויא דער פסוק
זאגט תהלים י״ט שגיאות מי יבין · ווער קאן
דיא אויסגרייפן פריבן וגומר :

## עיקר יב

צום צוועלפטן פון דער תשובה לערנן איך ·
דש דיא יעניגי · וועלכי נאך דער טבילה
( טויף ) גזינדיגט האבן · צו אלר צייט · ווען
זיא נור תשובה טון · פר געבונג דער זינדן
ערלאנגן · אונ׳ דש דער כהן אינן דיא פר
זיכרונג דא פון ניכט פר איידן זאל : עש
בשטיט אבר דיא תשובה אויש צווייא טייל ·
דער ערשטי איזט איין צו בראכן הערצן אונ׳
חרטה · אדר דיא שרעקן דש ביזן הערצנש אונ׳
גמיטש נאך דעם דיא זינדן ערקענט ווארדן :
דער אנדרי טייל איזט דער גלויבן · וועלכן
דער חוטא אלזוא ערגרייפט אויש דער גוטן
באטשאפט פון דעם משיח · אדר דורך דיא
פר זיכרונג פון סליחת החטאים · אונ׳ דא
בייא גלויבט · דש דורך אונ׳ פון וועגן דש
משיח דיא זינדן פר געבן ווערדן · אונ׳ דיזר
גלויבן

גלויבן שריטטיט דאס הערץ אונ׳ דאס גמיט ז
אונ׳ בשירמט עס פֿון דען שרעקן :

נאך דיזם מוז אונז איינה פֿרבעסרונג פֿאלגן · נעמליך אן אונז ( בכל מה דאפשר ) פֿון זינדן אב ווייכֿן · אונ׳ מעשים טובים טון · דען דיזס זאלן דיא פֿריכֿטי פֿון דער תשובה זיין · גלייך וויא יוחנן שפריכֿט אין דער בשורה טובה דורך לוקאס סי׳ ג׳· טוט מרך ברינגט פֿריכֿטי דיא דא ווירדיג זיין צו דער תשובה :

דעשׂט וועגן ווערדן פֿר ווארפֿן אלי מינים דיא דא לערנן דס דיא יעניגי · וועלכֿי איין מאל ווערן גרעכֿטפֿערטיגט גווארדן · ניכֿט ווידר קענטן דען רוח הקודש פֿר ליהרן : אויך ווערדן דיא יעניגי פֿר ווארפֿן · וועלכֿי בהויבטן וואלן · דס מייניגי מענשן זוא פֿולקומן אויף דיזר וועלט ווערדן · דס זיא גאר ניכֿט מער זינדיגן קענטן :

אויך ווירד פֿר ווארפֿן דיא כיתה דיא גנענט ווירד נובאטיאני · אלז וועלכֿי דענן יעניגן · דיא נאך דער טבילה ( טויף ) גזינדיג האבן אונ׳ ווידר תשובה צו טון פֿר לאנגטן · ניכֿט וואלטן דיא פֿר ציכֿרונג פֿון פֿרגעבונג דער זינדן מיט טיילן :

אויך ווערדן דיא פר ווארפן · דיא דא
ניכט לערנן דש מן מוז דורך דען גלויבן
( אן דעם משיח ) פר געבונג דער זינדן ער
לאנגן · זונדרן זאגן · דש זאלכש געשעהי דורך
איינגי זכיות פון וועגן דער מעשים טובים :
אויך ווערדן דיא פר ווארפן · וועלכי גלויבי
כלים בייא דער תשובה פאר טרייבן
אונ׳ זאלכי פאר ניטיג האלטן דיא איביגי שטראף׳ ·
אדר אויך נור דיא שטראף׳ אין דעם גהינם
דא דורך מכפר צו זיין :

## פירוש המלות זרות

נאוואטיאני קומן הער פון צווייא איינים ·
איינר וואר אויש אפריקא | אונ׳
היס נאוואטוס · אונ׳ דער אנדרי וואר אויש
רוים אונ׳ היס נוואנטיאנוס : דיזש געשאך אין דעם
דריטן דור נאך ישוע : זיא האבן אויך דען
אן פאנג געמאכט צו דעם מינות · דש אויך דיא
אנדרי נוצרים · וועלכי זיך צו איין וואלטן
בהעפטן נאך איין מאל מוזטן נטבל ווערדן ·
ווי מן טון פאר בייא דעם פינפטן עקר אן
גצייגט ווארדן :

## עיקר י״ג

צום דרייצעהנדן · פֿון דעם געברויך דער
זאכֿן · דיא צום צייכֿן דט גנאדן
פֿר בונדט זיין׳ לערנן איר · דט דיזעלביגי איין
געזעצט וואָרדן ניכֿט נור דעשט וועגן · דא מיט
זיא צייכֿן זיין · דא בייא אן דיא מטיחיים
( נוצרים אדר קריסטן קענן ועלכֿי זונדרן דט זיא
צייכֿן אונ׳ צייגניס זיין ועלכֿטן פֿון דעם ווילן גאטש
געגן אונז · אום אונזרן גלויבן דא דורך צו ערוועקן
אונ׳ צו שטערקן :
דארום וויד ערפֿאָרדט , דט דיזעלביגי
רעכֿט געברויכֿט ווערדן · נעמליך
אלזוא · דט אן דא בייא גלויבט אן דיא יעניגי
הבֿטחות אונ׳ פֿר הייסונגן · וועלכֿי דאדורך
פֿאר געשטעלט אונ׳ ורואז ווערדן :
דעשט וועגן ווערדן דיא פֿר ווארפֿן · וועלכֿי
לערנן דט דיא צייכֿן פֿון דעם גנאדן בונד גרעכֿט
מאכֿן · ווען אן זיא נור אויט געוואונהייט אלז איינן
מנהג געברויכֿט · אונ׳ לערנן ניכֿט · דט דא בייא
דער גלויבן ערפֿאָרדרט ווערדי · וועלכֿר גלויבט ·
דט דיא זינד פֿר געבן ווערדן דורך דאש
וואורויך דיא [illegible] ורואז זיין :

צום

## עיקר יד

צום פירלעהנדן לערנן איר פֿון דעם סדר
אין דער קהלה · דש ניאמנד זאל אין
דעם בית הכנסת עפֿנטליך דרשן אודר דיא
לייכֿן פֿון דעם גנאדן פֿר בונד פֿר ריכֿטן · עס
זייא דען דש ער אורדנטליך כראוי איזט דא
אויט גווילט ווארדן :

## עיקר טו

צום פֿונפֿלעהנדן · פֿון דען מנהגים אין דען
קהלות · וועלכֿי מענשן גמאכֿט האבן
לערנן איר · דש אן דיזע יעניגי מנהגים האלטן
זאל דיזא דא אן זינדי קענטי גהאלטן ווערדן ·
אונ׳ דא ניצליך זיין צו שלום ושלוה אונ׳ צום גוטן
סדר אין דער קהלה · וויא לאטל זיין אייניגי
פֿייאר טאג אונ׳ ימים טובים · אונ׳ דער
גלייכֿן :
דאך אונן דיא לייטי דא בייא ערמאינרט ווערדן ·
דש זיא איר גאיט ניכֿט דא מיט בשווערן
זאל · אונ׳ איינן אלז ווען זאלכֿי דינגי ניטיג ווערן
צו כפרת חטאים אונ׳ חיי עולם הבא :
איבר דיזט ווירד נאך בייא אונז גלערנט · דש
אלי מצות אונ׳ חוקים · וועלכֿי מענשן

האבן מתקן געוועזן אום דאדורך השי' מכפר צו
זיין אונ' גנאדי צו פר דינן · דיא זיין ווידר דער
בשורה טובה אונ' ווידר דיא תורה פון דער
אמונה אן דעם משיח :
דעשט וועגן זיין דיא גליבטי אונ' דיא אפנטליכי
מצוות פון אונטרשיידונג דער שפייזן
אונ' פון טאגן וגומר · דאדורך מן פר מיינט
זכיות צו ערלאנגן · אונ' דיא זינדי מכפר צו
זיין · אן טיכטיג · אונ' ווידר דיא תורה פון
דער בשורה טובה :

## עיקר טז

צום זעכצעהנדן · פון זאלכן זאכן · דיא צום
סדר העולם געהערן לערנן מיר · דש
אלי רעכטמעסיגי תקנות אין דער וועלט בסדר
המדינה אונ' אלי רעכטמעסיגי שררות זיין גוטי
ארדנונגן אונ' ווערקי פון גאט · אונ' דש עש
ניכט ווידר דיא תורה פון בשורה טובה איזט ·
דש דיא משיחיים (קריסטן) שררות אונ' דיינים
זיין · אונ' דיא זאכן ריכטן נאך דען גרעכטן
פון קיסר אונ' פון אנדרן (מלכים אונ' שרים)
דיא אין איינר איקליכן מדינה געברייכליך זיין ·
אונ' דש עש אין אויך מותר איזט דיא איבל
טעטר דן צו זיין במיתה · מיט גרעכטן
אורזאכן

מורזאכן מלחמה צו פיהרן · אונ' בעלי מלחמות צו זיין · עטוואס צו קויפן אונ' צו פר קויפן · מיט רעכט עטוואס אייגנים פאר זיך צו האבן · צו טווערן ווען עס ניטיג איזט · דען טררות צו געבן וואס אין גביהרט · אונ' איינה פרויא צו נעמן :

**היער** ווערדן דיא מינים אנאבאפטישטא פר ווארפן · אלז וועלכי לערנן דאס אלי דיזי ערלויבטי זאכן קיינם משיחיי (קריסט) מותר זייא :

**אויך** ווערדן דיא פר ווארפן · דיא לערנן דאס דיא פאלקוואנהייט נאך דער תורה פון דעם משיח ניכט זייא דיא פורכט פאר גאט אונ' דער גלויבן · זונדרן איין דאס זיא בשטיזי דאררינן · ווען אן כל אשר לו אלי נכסים אלי קרקעורת אונ' אלן עושר פר לאזט : דען דיא תורה פון דעם משיח לערנט ניכט איינה זאלכי גרעכטיגקייט · דיא אין דברי עולם הזה אונ' פון אויסן ווענדיג בשטיט · זונדרן איינה זאלכי גרעכטיגקייט · דיא אין ווענדיג אין דעם הערצן איזט · אונ' איזט דא בייא ניכט אבטל דיא יעניגי זאכן · דיא צום סדר העולם אונ' דרך ארץ געהערן פון וועגן דס יישוב אונ' קיום העולם · פיל מער פרלאנגט אונ' פאדרט דיא

תורה פֿון משיח דש אין אלי דיזי סדרים אונ׳ מנהגים היטן אונ׳ ערהאלטן זאל אלז זאלכי תקנות דיא פֿון הקב״ה הער קומן · אונ׳ דש אין מין זאלכן תקנות אהבה אונ׳ אחווה אונ׳ מעשים טובים זאל זעהן לאזן : דארום זיין דיא משיחיים ( קרישטן ) שולדיג דער תורה משועבד צו זיין · אונ׳ אירן גבאטן צו געהארכן עש זייא דען דש זיא וואש גביטן זאלטן דאש דא זינדליך ווערי : דען ווען דאש גבאט פֿון דער תורה אין זינדי ניכט גשטעהן קאן · זא איז אין גאט מער געהארכן אלז דען מענשן · וויא דער פסוק זאגט אין דען מעשי השלוחים סימן ד׳ :

## עיקר יז

צום זיבנצעהנדן לערנן מיר · דש דער משיח ישוע אין דען לעצטן טאגן פֿון דער וועלט ערשיינן ווירד צו ריכטן · אונ׳ ער ווירד אלי טויטן אויף וועקן · דען רעכטן גלויביגן אונ׳ דען אויש ערווילטן ווירד ער געבן דאש איביגי לעבן אונ׳ איביגי פֿריידי · דיא בוזי מענשן אבר אונ׳ דיא שטנים אונ׳ שדים ווירד ער צום גהינם פֿר אורטיילן · וואו זעלבשט זיא לעוואי ער זאלן גפייניגט ווערדן :

דעשט

דעשט וועגן ווערדן דיא אנאבאפטיטטא פר
ווארפן · אלז וועלכי איינן · דט דיא
טטנים אונ' טדים אונ' דיא רטעים · וועלכי
צום איביגן גהינם זיין פר אורטיילט ווארדן :
ניכט איביג זאלטן דיא פיין אויט טטין זונדרן
איין מאל צו קינפטיג זיין דא פון ווידר בטירמט
צו ווערדן :

עש ווערדן אויך אלי סברות פון דען יהודים
פר ווארפן . וועלכי אויך איזונדר פון
